# אַ פּלאַץ אויף דער ערד

און מענטשן זענען דאָ אַנטשוויגענע אַזוינע,
וואָס שפּאַנען טריט–שאַ טריט–שאַ אַזוי שטיל און קאַלט
גלײַך די וועלט איז אַן אייביקער שניי
און זיי האָבן נישט קיין געלט אויף אַ שליטן...
אין גאָלדענע קאַפּלען און אין גאָלדענע היטן
קוועלן די זומערס : דאָס ברויט איז געשניטן,
עס שמעקט מיט פּעך און מיט פֿעלד און מיט היי,
און וויפֿל ביימער אַזוי פֿיל מאָל פֿרייט זיך דער וואַלד ;
נאָר זיי שפּאַנען טריט–שאַ, טריט–שאַ אַזוי שטיל און קאַלט,
גלײַך די וועלט איז אַן אייביקער שניי
און זיי האָבן נישט קיין געלט אויף אַ שליטן...

און אין זייערע שטיבער איז אויסגעפֿוילט דער דיל
ווען פֿרישע ברעטער ווי מילך גיסט זיך פֿון אונטער דער זעג,
און אַז פורן מיט מעל יאָגן זיך פֿון מיל,
לויפֿן זיי שנעל אַראָפּ פֿון דעם וועג...

אַזוי לעבן זיי באַהאַלטן ווי אליהו הנבֿיא אויף יאַרידן,
און האָבן טיפֿן וויי אין אויג און הונגער אין די בערד.
הייבט מען, לויבט מען : טײַערע ייִדן,
פֿאַרנעמען גאָר קיין פּלאַץ נישט אויף דער ערד.

נאָר אַ מאָל הילט זיך זייער שווײַגן אײַן אין בלאָ...
זיי שאַרן זיך ערגעץ ווײַט, ווי אַנטלויפֿנדע הימלען,
און האָבן הערצער אין די בוזעמס און אין די הערצער וואָלקן,
און ווערן מיט יעדער שעה שווערער אַלץ און שווערער,
ביז זיי פֿאַלן אַראָפּ ווי שטעכעדיקער רעגן
און ליגן צעגאָסן אויף די שטיינער.

זאָגט אַ דורכגייער איינער :
אַך, געשטאָרבן אַ מענטש פֿון הונגער.
אַ צווייטער אײַלט זיך צו אַ ווייכער ווײַב אַ יונגער
און שטופּט צוויי עלנבויגנס פֿול מיט כּעס :
געזען אַ ביסל, אַ קבצן האָט זיך אויסגעצויגן
און פֿאַרנעמט די גאַנצע גאַס.

**1934**